בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# דַאוָוענֶען אִיז נִישְׁט קַיין בַּארְג

וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, גֶעזָאגְט גָעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֶמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת וִויאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

## פַּרְשַׁת בָּלָק תשע"ב

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָארְכְטִיגֶער רֶבִּי, דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

### רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט, וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

### רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְּמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

## הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
## אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**מתיבתא היכל הקודש**
Mesifta Heichal Hakodesh
1129-42nd Street
Brooklyn NY 11219

**מוסדות היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
718-384-1652 ישיבה אפיס

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
845-467-5299

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
347-733-7551

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
79 Decatur Avenue.
347-243-2992

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site: www.breslevcity.co.il**
לשמוע השיעורים 212-444-9191
**Find our entire book selection at:**
**amazon.com** or at: **mohorosh.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-481-3321**

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית

# דַאוֶוענֶען אִיז נִישְׁט קַיין בַּארְג

א.

'וַיַּרְא בָּלָק בֶּן צִיפּוֹר אֶת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה יִשְׂרָאֵל לָאֱמוֹרִי' (בַּמִּדְבָּר כב, ב): זָאגְט רַשִׁ"י: בָּלָק הָאט גֶעזָאגְט מַה-דָאךְ דִי צְוֵויי שְׁטֶערְקְסְטֶע מְלוּכוֹת פוּן סִיחוֹן אוּן עוֹג הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּייקוּמֶען דִי אִידְן, וֶועלְן מִיר אַוַודַאי זֵיי נִישְׁט קֶענֶען בַּייקוּמֶען, וֶועגְן דֶעם 'וַיָּגָר מוֹאָב' הָאט מוֹאָב מוֹרָא גֶעהַאט.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת נד:): עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן הָאט גֶעזָאגְט: מַחְנֶה יִשְׂרָאֵל כַּמָּה הַוֵי? ווי

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית

גְרוֹיס אִיז דִי יוּדִישֶׁע מַחְנֶה? תְּלָתָא פַּרְסֵי! דְרֵיי פַּרְסָאוֹת. וֶועל אִיךְ גֵיין, אוּן אוֹיסְרַייסְן אַ בַּארְג פוּן דְרֵיי פַּרְסָאוֹת, אוּן אִיךְ וֶועל דָאס אַרוֹיף וַוארְפְן אוֹיף זֵיי, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּעֶן, עֶר הָאט אוֹיסְגֶערִיסְן אַ בַּארְג וָואס אִיז גְרוֹיס דְרֵיי פַּרְסָה, אוּן עֶר הָאט דָאס אַרוֹיף גֶעלֵייגְט אוֹיף זַיין קָאפּ, אוּן דֶערְוַוייל הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעמַאכְט אַ נֵס, אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען וֶוערִים אוּן הָאבְן גֶעלֶעכֶערְט דֶעם בַּארְג, אוּן עֶס אִיז אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען בִּיז צוּ זַיין הַאלְז, הָאט עֶר עֶס גֶעוָואלְט אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן, הָאבְּן זִיךְ זַיינֶע צְוֵוי צֵיינֶער אוֹיסְגֶעצוֹיגְן אוּן צוּשְׁפְּרֵייט, אוֹיף דֶער זַייט, אוּן אוֹיף דֶער זַייט. אִיז גֶעקוּמֶען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס אִיז גֶעוֶוען הוֹיעֶךְ צֶען אַמוֹת, אוּן גֶענוּמֶען אַ הַאק וָואס אִיז גֶעוֶוען לַאנְג צֶען אַמוֹת, אוּן הָאט אַ שְׁפְּרוּנְג גֶעגֶעבְן צֶען אַמוֹת, אַזוֹי הָאט עֶר דֶערְגְרַייכְט בִּיז צוּ זַיין קְנֶעכְל, אוּן הָאט אִים אַ הַאק גֶעגֶעבְן אוּן עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן גֶעשְׁטָארְבְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז מְגַלֶה אוֹיף דֶעם אַ מוֹרָא'דִיגֶע גִילוּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ח): וָואס אִיז

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית

דִי מַחְנֶה פוּן אַ יוּד, עֶר זָאל וִויסְן אַז עֶר אִיז נָאךְ אִין דִי מַחְנֶה פוּן דִי קְדוּשָׁה?! ג׳ פַּרְסָאוֹת׳. וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת! שַׁחְרִית מִנְחָה מַעֲרִיב. וַוייל דֶער עִיקָר פוּן אַ אִיד אִיז זַיין נְשָׁמָה, וָואס דָאס אִיז אַ חֵלֶק אֱלוֹקֵי מִמַעַל, אוּן דָאס וֶוערְט נִתְגַלֶה דוּרְךְ זַיין אֱמוּנָה, דָאס הֵייסְט אַז עֶר דַאוֶונְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (קֹהֶלֶת ג י״ט): ׳וּמוֹתַר אָדָם מִן הַבְּהֵמָה ׳אָיִן׳, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין חִילוּק צְוִוישְׁן אַ מֶענְטְשׁ אוּן אַ בְּהֵמָה נָאר דֶער דִיבּוּר. אוּן שְׁלֵימוּת הַדִיבּוּר אִיז אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ס״ו). וַוייל אַ גוֹי רֶעדְט אוֹיכֶעט, אָבֶער וִויבַּאלְד עֶר אִיז נִישְׁט מַכִּיר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אִיז עֶר אַזוֹי וִוי אַ חַיָה, אוּן זַיין דִיבּוּר אִיז נִישְׁט קַיין דִיבּוּר.

דֶער רַמְבַּ״ם בְּרֶענְגְט (הִלְכוֹת תְּפִלָה פֶּרֶק א, סִימָן ד): אַז אִין אָנְפַאנְג, וֶוען אַ אִיד הָאט עֶפֶּעס גֶעדַארְפְט הָאבְּן, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ, וָואס דָאס אִיז דִי מִצְוֹות עֲשֵׂה פוּן תְּפִלָה, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים יא י״ג): ׳וּלְעָבְדוֹ בְּכָל לְבַבְכֶם׳, מֶען

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית

זָאל דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיטְן גַאנְצְן הַארֶץ. אוּן דִי גְמָרָא דַרְשֶׁ'נְט (תַּעֲנִית ב.): אֵיזֶהוּ עֲבוֹדָה שֶׁבַּלֵב? זוּ תְּפִלָּה! אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף תְּפִלָּה, נָאר שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְדוֹלָה, אוּן הָאבְּן מְתַקֵן גֶעוֶוען דִי דְרֵיי תְּפִלוֹת, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז עֶס וֶועט זַיין אַ גְרוֹיסֶער גָלוּת אוּן מֶען וֶועט נֶעבֶּעךְ פַאְרגֶעסְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, הָאבְּן זֵיי מְתַקֵן גֶעוֶוען דִי דְרֵיי תְּפִלוֹת. דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת כו:): אַקֶעגְן וֶועם הָאט מֶען מְתַקֵן גֶעוֶוען דִי דְרֵיי תְּפִלוֹת?! אֵיינֶער זָאגְט אַקֶעגְן דִי אָבוֹת אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב. אֵיינֶער זָאגְט אַקֶעגְן דִי קָרְבָּנוֹת.

אוּן דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט הַאלְט זִיךְ נָאר דוּרֶעךְ דִי דְרֵיי תְּפִלוֹת, וַוייל אַ אִיד וֵוייסְט, וֶוען עֶר שְׁטֵייט אוֹיף קֶען עֶר גָארְנִישְׁט טוּהְן, נָאר עֶר מוּז גֵיין דַאוֶוענֶען שַׁחְרִית, דָאס זֶעלְבֶּע וֶוען עֶס קוּמְט נָאכְמִיטָאג, זָאגְט עֶר זִיךְ שׁוֹין, אוּן וֵוייסְט אַז עֶר דַארְף גֵיין דַאוֶוענֶען מִנְחָה. בַּיינַאכְט וֵוייסְט עֶר אַז עֶר דַארְף דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב. קוּמְט אוֹיס אַז דִי דְרֵיי תְּפִלוֹת, הַאלְט אִים אָן אִין דִי מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל.

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית

פַארְקֶערְט אוֹיךְ, פוּן וואו זֶעהְט מֶען אַז אַ אִיד וֶוערְט אָפְּגֶעקִילְט פוּן אִידִישְׁקֵייט ? אַז עֶר פַאנְגְט אָן מְזַלְזֵל זַיין אִין דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, עֶס פַאנְגְט זִיךְ אָן מִיט מִנְחָה, עֶר מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן אִיךְ וֶועל שׁוֹין דַאוְוענֶען צְוֵויי שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה'ס בַּיי מַעֲרִיב וְכוּ', דֶערְפַאר זָאגְן חַזַ"ל (בְּרָכוֹת ו:): 'לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר **בִּתְפִלַּת הַמִּנְחָה שֶׁכֵּן אֵלִיָּהוּ לֹא נַעֲנֶה אֶלָּא בִּתְפִלַּת הַמִּנְחָה**', אַ מֶענְטְשׁ זָאל זֵייעֶר גֶעוָוארֶענְט זַיין צוּ דַאוְוענֶען מִנְחָה, וַוייל אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז נִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן נָאר בַּיי מִנְחָה. וַוייל בַּיי דִי צַייט פוּן מִנְחָה אִיז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוֶוענְטְלִיךְ אִינְמִיטְן דִי אַרְבֶּעט אִיבֶּערְהוֹיבְּט ווינְטֶער, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ דַאוְוענֶען מִנְחָה, אוּן נִישְׁט מְזַלְזֵל זַיין אִין דֶעם חָלִילָה. דָאס זֶעלְבֶּע בַּיי מַעֲרִיב דַארְף מֶען נִזְהָר זַיין, אַזוֹי ווִי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ד:): אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט: אִיךְ וֶועל קוֹדֶם עֶסְן אַבִּיסְל, שְׁלָאפְן אַבִּיסְל, אוּן נָאכְדֶעם פַארְשְׁלָאפְט עֶר דִי גַאנְצֶע נַאכְט. דָאס זֶעלְבֶּע בַּיי שַׁחֲרִית הֵייבְּט מֶען אָן אָרָאפְּצוּצִיפְּן, מֶען טְרַאכְט אִיךְ וֶועל שׁוֹין זָאגְן בָּרוּךְ

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית

שֶׁאָמַר, יִשְׁתַּבַּח, קְרִיאַת שְׁמַע וְכוּ׳, און אַזוֹי צוּבִּיסְלֶעךְ לָאזְט מֶען אִינְגַאנְצְן אָפּ דָאס דַאוֶוענֶען חַס וְשָׁלוֹם.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שָׁם): "עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע קְלִיפָּה, און עֶר הָאט גֶעוָואלְט עוֹקֵר זַיין דִי אִידְן פוּן מַחְנֶה יִשְׂרָאֵל, דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעבְּרֶענְגְט אַ בַּארְג". דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז עֶר הָאט גֶעוָואלְט שְׁוֶוער מַאכְן דָאס דַאוֶוענֶען פַאר אִידְן, און עֶס זָאל זַיין אַזוֹי ווִי אַ שְׁוֶוערֶע בַּארְג, און אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ דַאוֶוענֶען. [און מֶען זֶעהְט נֶעבֶּעךְ מֶענְטְשְׁן טוּעֶן שׁוֹין אוֹיס דִי תְּפִילִין אִינְמִיטְן הוֹיכֶע שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, און בַּיי תַּחְנוּן אִיז עֶר שׁוֹין אַנְטְלָאפְן, אֶמֶת מֶען קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם דַן זַיין לְכַף זְכוּת, וַוייל אִידְן אַרְבֶּעטְן נֶעבֶּעךְ זֵייעֶר בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ פַארְדִינֶען עֶפֶּעס גֶעלְט, אָבֶּער עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דִי מַעֲשֶׂה אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי״ע הָאט אַמָאל גֶעזֶעהְן אַ אִיד לוֹיפְט, פְרֶעגְט עֶר אִים: וואוּ לוֹיפְסְטוּ? זָאגְט עֶר אִים: וָואס זָאל אִיךְ טוּעֶן! אִיךְ דַארְף לוֹיפְן צוּ מַיין פַּרְנָסָה! זָאגְט עֶר אִים: וֶוער זָאגְט

אַז דָארְטְן וואוּ דוּ לוֹיפְּסְט אִיז דַיין פַּרְנָסָה?! אֶפְשָׁר אַנְטְלוֹיפְּסְטוּ פוּן דַיין פַּרְנָסָה!.]

דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט (שַׁעַר הַכַּוָנוֹת עִנְיַן הַקַדִישׁ דַף יד, טוּר ג): תְּפִלַּת שַׁחֲרִית אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט לוֹיט דִי פִיר וֶועלְטְן, וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן 'אֲצִילוּת' 'בְּרִיאָה' 'יְצִירָה' 'עֲשִׂיָה'. דִי עֶרְשְׁטֶע אִיז דִי קָרְבָּנוֹת וָואס דָארְטְן פַארְרֶעכְט מֶען דִי 'עוֹלָם עֲשִׂיָה', דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זָאגְט דִי קָרְבָּנוֹת. בַּיי 'פְּסוּקֵי דְזִמְרָה' גֵייט מֶען שׁוֹין אַרוֹיף אוֹיף אַ הֶעכֶערֶע עוֹלָם, וָואס דָאס אִיז 'עוֹלָם הַיְצִירָה', בַּיי דִי בְּרָכוֹת פוּן קְרִיאַת שְׁמַע אִיז 'עוֹלָם הַבְּרִיאָה', בִּיז בַּיי שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה אִיז מֶען שׁוֹין אִין 'עוֹלָם הָאֲצִילוּת', אוּן נָאכְדֶעם וֶוען מֶען אִיז שׁוֹין אִין עוֹלָם אֲצִילוּת, גֵייט מֶען שׁוֹין אַרוֹיף גָאר הוֹיעֶך, וָואס דָאס אִיז 'נְפִילַת אַפַּיִם', נָאכְדֶעם הֵייבְּט אָן אַרָאפּ צוּ קוּמֶען דֶער שֶׁפַע, וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'שֶׁפַע דְאֲצִילוּת', וֶוען מֶען זָאגְט אַשְׁרֵי וּבָא לְצִיוֹן. אוּן פּוּנְקְט דֶעמָאלְטְס אַנְטְלוֹיפְט מֶען. אוּן אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶעמָאלְט גֵייט מֶען אִים גֶעבְן דִי שֶׁפַע. דָאס אִיז דֶער בַּארְג וָואס עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן לֵייגְט אַרוֹיף

breslevcity.co.il

אויף יעדן יוד. וועגן דעם איז געקומען משה רבינו, און ער האט אים געגעבן א גוטן האק, ער זאל נישט אוועק נעמען די אידן פון דאווענען די דריי תפילות.

חז"ל זאגן (ברכות ח.): 'אימתי עת רצון בשעה שהצבור מתפללין', ווען איז דער צייט וואס איז באוויליגט און אנגענומען ביים אייבערשטן, בשעת דער ציבור דאווענט. און נאך זאגן חז"ל (ברכות ו:): ווער עס איז געוואוינט צו קומען דאווענען אין בית הכנסת, און איין טאג איז ער נישט געקומען, פרעגט דער באשעפער: וואו איז דער מענטש וואס איז נישטא?! און אויב ער איז נישט געזונט שיקט ער אים א רפואה, אדער אז ער איז פארזאגט אין פרנסה, גיט ער אים פרנסה. זעהט מען פון דעם אז ווען איד דאוונט מיט מנין, ווערט נמשך אויף אים די השגחה, און מען גיבט אים וואס ער דארף האבן.

חז"ל זאגן (שבת קיט:): אויב א איד איז זוכה, און ער זאגט 'אמן יהא שמיה רבא', דעמאלטס אפילו אז עס איז - רחמנא לצלן - נגזר געווארן אויף אים, א גזירה פון זיבעציג יאר, קען ער דאס צורייסן. דער

breslevcity.co.il

מֶדְרָשׁ בְּרֶענְגְט (מְנוֹרַת הַמָּאוֹר נֵר א׳ כְּלַל א׳ ח״ב, בְּשֵׁם מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא פַּרְשַׁת נֹחַ, וְעַיֵּין מס׳ כַּלָּה רַבָּתִי פֶּרֶק ב׳): אַ מַעֲשֶׂה בְּאַרִיכוּת ווִי אַ נִפְטָר הָאט גֶעבֶּעטְן אַ טוֹבָה פוּן רֶבִּי עַקִיבָא, אוּן רֶבִּי עַקִיבָא אִיז גֶעגַאנְגֶען זוּכְן צוּ עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ זוּן וְכוּ׳, בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם קִינְד אוּן עֶר הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי אַלֶף בֵּית, בִּיז עֶר הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ זָאגְן קַדִּישׁ אוּן בָּרְכוּ, דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער נִפְטָר גֶעקוּמֶען, אוּן אִים גֶעזָאגְט; הָאסְט מִיר גֶעטוּעֶן אַ מוֹרָא׳דִיגֶע טוֹבָה מִיט דֶעם אַז דֶער קִינְד הָאט גֶעזָאגְט קַדִּישׁ אוּן בָּרְכוּ. דָאס זֶעלְבֶּע אַז מֶען זָאגְט קְדוּשָּׁה וֶוערְט מוֹרָא׳דִיגֶע תִּיקוּנִים. חֲזַ״ל זָאגְן (חוּלִין צא:): אַ מַלְאָךְ זָאגְט נָאר אֵיין מָאל קְדוּשָּׁה אוּן וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט. אוּן מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ קֶענֶען זָאגְן, אַזוֹיפִיל מָאל קְדוּשָּׁה, אוּן אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא. [אוּן עֶס זֶענֶען דָא אִידְן וָואס זֶעצְן זִיךְ אַרַיין אִין אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ וָואס עֶס זֶענֶען פַארְהַאן אַסַאךְ מִנְיָנִים אֵיינְס נָאכְן אַנְדֶערֶען כְּדֵי צוּ מַשְׁלִים זַיין דִי אָמֵן וְכוּ׳ וָואס זֵיי הָאבְּן פַארְפֶעלְט בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן צוּלִיבּ פַארְשִׁידֶענֶע סִיבּוֹת.]

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית

ב.

דָאס אִיז וָואס דֶער תּוֹרָה זָאגְט: 'וַיָּגָר מוֹאָב', מוֹאָב הָאט גֶעהַאט מוֹרָא פוּן דִי אִידְן. מוֹאָב גֵייט אַרוֹיף אוֹיף נִיאוּף, וַוייל עֶר אִיז גֶעבוֹירְן גֶעוָוארְן פוּן נִיאוּף, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי מוֹרָא אַז דִי קְדוּשָׁה פוּן אִידְן וֶועט זֵיי אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל זַיין. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ו): אַז פוּן כְּפִירוֹת, קוּמְט אַרוֹיס נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן. אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י"א): גֵיאוּת אוּן נִיאוּף אִיז תָּלוּי אֵיינְס אִין אַנְדֶערְן, אוּן גֵיאוּת אִיז דָאךְ עֲבוֹדָה זָרָה אוּן כְּפִירוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: (סוֹטָה ה.): 'אֵין אֲנִי וְהוּא יְכוֹלִים לָדוּר', אוֹיךְ זָאגְן מִיר יֶעדְן טָאג (בַּמִדְבָּר טו ל"ט): 'וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם', דַרְשְׁנֶ'ען אוֹיף דֶעם חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת י"ב:): "אַחֲרֵי לְבַבְכֶם", זוּ מִינוּת. "וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם", זוּ נִיאוּף. וַוייל דָאס אִיז תָּלוּי אֵיינְס אִין דֶעם אַנְדֶערְן. אוּן מִיר גֶעפִינֶען אַז וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי תַּלְמִידִים, אוּן עֶס זֶענֶען אַקֶעגְן גֶעקוּמֶען שֵׁיינֶע פְרוֹיעֶן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית

דִי תַּלְמִידִים: 'אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים וֵאלֹהֵי מַסֵּכָה לֹא תַעֲשׂוּ לְךָ', גִיבְּט אַכְטוּנְג! מַאכְט זֵיי נִישְׁט פַאר עֲבוֹדָה זָרָה. אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מַסְבִּיר (שָׁם) דֶעם קֶשֶׁר, וַוייל אַז מֶען קוּקְט אוֹיף דִי קְלִיפּוֹת, אוּן מֶען מַאכְט פוּן דֶעם אַ מְצִיאוּת, מַאכְט מֶען דָאס רַחֲמָנָא לִצְלָן פַאר אַ עֲבוֹדָה זָרָה. אוֹיךְ גֶעוֶועגְטְלִיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט שְׁמוּץ רַחֲמָנָא לִצְלָן, בַּאהַאלְט עֶר זִיךְ אִין אַ מָקוֹם מְטוּנָף, [וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועוֶן דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן פְּעוֹר] וואוּ קֵיינֶער זֶעהְט נִישְׁט, קוּמְט אוֹיס אַז עֶר בַּאהַאלְט זִיךְ אוֹיס פוּן בַּאשֶׁעפֶער, וָואס דָאס אִיז כְּפִירוּת. זֶעהְט מֶען פוּן דִי אַלֶע פְּלֶעצֶער אַז נִיאוּף מִיט עֲבוֹדָה זָרָה אוּן כְּפִירוּת אִיז אֵיין זַאךְ.

זָאגְט אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ח): אַ מֶענְטְשׁ הָאט דְרֵיי מוֹחִין, וָואס הַאלְט אִים אָפּ פוּן תַּאֲווֹת נִיאוּף, אוּן דִי דְרֵיי מוֹחִין וֶוערְט נִמְשָׁךְ דוּרֶעךְ דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת, שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב. אוּן יֶעצְט אַז מוֹאָב הָאט גֶעזֶעהְן, אַז משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוֹיסְגֶערִיסְן עוֹג וָואס שְׁטֶערְט פוּן דַאוֶועֶנֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת, אוּן אִידְן וֶועלְן אָנְפַאנְגֶען דַאוֶועֶנֶען, הָאבְּן זֵיי

breslevcity.co.il

זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן וָואס טוּט מֶען? ! הָאבְּן זֵיי גֶעפְּרֶעגְט; פוּן וואוּ קוּמְט משֶׁה רַבֵּינוּ? הָאט מֶען זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט פוּן מִדְיָן. הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט שָׁלוֹם מִיט מִדְיָן, כָאטְשׁ בִּיז יֶעצְט הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעקְרִיגְט, [וַוייל 'מוֹאָ"ב' אִיז דִי מִדָה פוּן לִיבְּשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם פוּן דִי טוּמְאָה, וָואס דָאס אִיז נִיאוּף. אוּן 'מִדְיָ"ן' אִיז לָשׁוֹן 'מְדָנִי"ם' קְרִיגֶערַיי, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַרוּם גֶעקְרִיגְט.] אָבֶּער יֶעצְט הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶועזְן, אַז מֶען וֶועט זִיךְ צַאם נֶעמֶען, צוּ זֶעהְן וָואס מֶען טוּט מִיט דִי אִידְן אַז זֵיי דַאוֶּועֶנְען דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת, אוּן זֶענֶען מַקְפִּיד אוֹיף יֶעדְן אָמֵן, אוּן אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא, וָואס דוּרְכְדֶעם אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער זֵיי מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲווֹנוֹת, אוּן דָאס אִיז אוּנְז זֵייעֶר בִּיטֶער. הָאבְּן זֵיי זִיךְ נָאכְגֶעפְּרֶעגְט וָואס אִיז דֶער כֹּחַ פוּן זֵייעֶר מַנְהִיג, הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן אַז דֶער כֹּחַ פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז נָאר דֶער מוֹיל.

ג.

אוּן דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער כֹּחַ פוּן אַ אִיד, נָאר תְּפִילָה. אַזוֹי וִוי יִצְחָק אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט בַּיים

אָנְוואוּנְטְשְׁן יַעֲקֹב (בְּרֵאשִׁית כז כ״ב): ׳הַקּוֹל קוֹל יַעֲקֹב׳. דָאס קוֹל גֶעהֶערְט פַאר אַ אִיד, אוּן דָאס אִיז זַיין נִצָּחוֹן קֶעגְן עֵשָׂיו, וָואס בַּיי אִים שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כז, מ): ׳עַל חַרְבְּךָ תִחְיֶה׳, אַזוֹי ווִי חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סה, כ): ׳בִּזְמַן שֶׁהַקּוֹל קוֹל יַעֲקֹב אֵין יְדֵי עֵשָׂיו שׁוֹלֵט׳ כָּל זְמַן עֶס וֶוערְט גֶעהֶערְט דָאס קוֹל פוּן אַ אִיד, קֶען דִי הֶענְט פוּן עֵשָׂיו נִישְׁט שׁוֹלֵט זַיין חָלִילָה וְחַס, וֶוען עֶס אִיז נִישְׁטָא דֶער קוֹל יַעֲקֹב, דֶעמָאלְטְס אִיז יְדֵי עֵשָׂיו שׁוֹלֵט. וֶועגְן דֶעם דַארְף אַ אִיד שְׁטֶענְדִיג נָאר בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ אַזוֹי צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, בִּיז מֶען קֶען שׁוֹין אָן דֶעם נִישְׁט אָן גֵיין.

עֶס שְׁטֵייט (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק י״ג): ׳כָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת הֵם הַמְלַוִין אוֹתוֹ עַד שֶׁבָּא לְבֵית עוֹלָמוֹ׳, אַז אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, בַּאגְלֵייט אִים דָאס בִּיז דִי לֶעצְטֶע מִינוּט וָואס עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי וֶועלְט. אוּן אַזוֹי גֵייט עֶר אוֹיס, בִּשְׁעַת עֶר רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אוּן דָאס הִיט אִים אָפּ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְט.

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית

וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין לֶעבְּן מוֹרָא׳דִיגֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ אוּן צָרוֹת. נָאר דוּרֶעךְ דִי עֵצָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט פוּן תְּפִלָּה! אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער דָאס רַאטֶעוֶועט אִים פוּן אַלֶעם, אוּן דָאס רֵיינִיגְט אִים אוֹיס דֶער מֹחַ.

קוּמְט אוֹיס אַז דֶער כֹּחַ פוּן אַ אִיד אִיז נָאר דֶער מוֹיל, דֶערְפַאר אִיז בָּלָק גֶעגַאנְגֶען בְּרֶענְגֶען בִּלְעָם, וָואס הָאט אוֹיכֶעט אַ כֹּחַ מִיטְן מוֹיל. נָאר משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעהַאט דֶעם כֹּחַ בִּקְדוּשָּׁה, אוּן בִּלְעָם הָאט דָאס גֶענוּצְט בְּטוּמְאָה זֶה לְעוּמַּת זֶה, אָבֶער עֶס הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעפִירְט, אַז נִישְׁט נָאר עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט שֶׁעלְטְן, נָאר עֶר הָאט נָאךְ גֶעמוּזְט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אַלֶע קְלָלוֹת, וָואס עֶר הָאט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט שֶׁעלְטְן, צוּ בְּרָכוֹת, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט גֶעמוּזְט מְגַלֶה זַיין אַז עֶס וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה, אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועלְן דִי אִידְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן.

וֶועגְן דֶעם זֶעהְט מֶען, אַז דֶער אֵייזְל הָאט אִים אָפְּגֶעהַאלְטְן דְרַיי מָאל פוּן צוּ גֵיין וֶוען דֶער מַלְאָךְ

breslevcity.co.il

הָאט אִים גֶעשְׁטֶערְט וְכוּ׳. נָאכְדֶעם הָאט אִים דֶער מַלְאָךְ גֶעפְרֶעגְט (בַּמִּדְבָּר כב ל״ב): עַל מָה הִכִּיתָ אֶת אֲתוֹנְךָ זֶה ׳שָׁלשׁ רְגָלִים׳? פַארְוָואס הָאסְטוּ גֶעשְׁלָאגְן דֶעם אֵייזְל דְרֵיי מָאל. זָאגְט רַשִׁ״י אַז עֶר הָאט אִים מְרַמֵז גֶעוֶוען אַז עֶר ווִיל אוֹיסְרַייסְן אַ פָאלְק וָואס הַאלְטְן דְרֵיי רְגָלִים [יָמִים טוֹבִים] אִין אַ יָאר. וָואס דָאס אִיז פֶּסַח שְׁבוּעוֹת סוּכּוֹת. וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ דִי מַחְנֶה יִשְׂרָאֵל!

פֶּסַח אִיז גֶעוֶוען יְצִיאַת מִצְרַיִם, וָואס דָאס הָאט אוּנְז גֶעמַאכְט פַאר אַ פָאלְק, וַוייל דֶער תַּכְלִית פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם, אִיז גֶעוֶוען מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אוּם שְׁבוּעוֹת. סוּכּוֹת אִיז אַ זֵכֶר, צוּ דִי עֲנָנֵי הַכָּבוֹד וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז בַּאשִׁיצְט מִיט דֶעם פֶערְצִיג יָאר אִין מִדְבָּר. קוּמְט אוֹיס אַז דִי אַלֶע דְרֵיי רְגָלִים, אִיז אַלְץ אַ זֵכֶר פוּנֶעם אַרוֹיס גֵיין פוּן מִצְרַיִם בִּיזְן גֵיין מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה. וָואס בֶּאֱמֶת וַוייזְט דָאס שׁוֹין אוֹיךְ אוֹיף דִי לֶעצְטֶע גְאוּלָה, וָואס מִיר וֶועלְן דֶעמָאלְטְס מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה מִיט אַ נֵייעֶ הִתְחַדְשׁוּת, אוּן עֶס וֶועט נָאכְאַמָאל זַיין צוּרִיק דִי עֲנָנֵי הַכָּבוֹד, דָאס הֵייסְט אַז

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית

אִידְן װֶועלְן זַיין אַרום גֶענוּמֶען מִיט דִי שְׁכִינָה, און מֶען װֶועט שְׁפִּירְן דִי שְׁכִינָה, אִין מֶען װֶועט הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מְמֵילָא װֶועט שׁוֹין זַיין דֶער בְּאֵר און דֶער מָן אוֹיכֶעט.

ד.

און דִי אַלֶע זַאכְן קֶען מֶען נָאךְ יֶעצְט אוֹיכֶעט מַמְשִׁיךְ זַיין אוֹיף זִיךְ, אֲפִילוּ מֶען אִיז נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלֵייזְט, אַזוֹי וִוי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי״ע הָאט גֶעזָאגְט: (תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף, שְׁמִינִי תקס״ב) אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא אַ גְאוּלָה בִּכְלָלִיוּת, אִיז דָא אַ גְאוּלָה בִּפְּרָטִיּוּת. און צוּ דֶער גְאוּלָה בִּפְּרָטִיּוּת קֶען שׁוֹין יֶעדֶער אִיד, אוֹיךְ יֶעצְט זוֹכֶה זַיין.

וַוייל וָואס הֵייסְט אַ גָלוּת? אַז דֶער מֹחַ אִיז מְצוּמְצָם, מְבוּהָל וּמְבוּלְבָּל, און דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט בַּיי זִיךְ, אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט װֶוערְד, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיר חָלִילָה נִישְׁט, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט וְכוּ׳. אָבֶּער אַז אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה, װֶוערְט עֶר אַרום גֶענוּמֶען און בַּאשִׁיצְט פוּן

breslevcity.co.il

בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן עֶר וֶוערְט נִיצוֹל פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן פוּן אַלֶע רְשָׁעִים. אַזוֹי וִוי דֶער הַיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ה): אַז דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען אִיז מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ דֶעם זְכוּת פוּן דִי אָבוֹת וֶוערְט מֶען בַּאשִׁיצְט פוּן דִי רְשָׁעִים. אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה נא, ט"ז): וּבְצֵל יָדִי כִּסִּיתִךָ, מִיט דִי שָׁאטְן פוּן מַיינֶע הֶענְט הָאבּ אִיךְ דִיר בַּאדֶעקְט. אוּן דָאס אִיז וָואס דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שְׁלַח קעד.): 'אֲתַר דְאִית תַּמָן אָבוֹת, אִית תַּמָן שְׁכִינְתָּא', דָארְטְן וואוּ דִי אָבוֹת זֶענֶען, אִיז דָארְט דִי שְׁכִינָה. אוּן דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, אוּן אַז אַ אִיד אִיז נִזְהָר צוּ דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג, שַׁחְרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, וָואס דָאס אִיז קֶעגְן דִי דְרֵיי אָבוֹת אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב, דוּרְךְ דֶעם צִיהְט עֶר אַרוֹיף אוֹיף זִיךְ דִי שְׁכִינָה.

וָואס אִיז דִי שְׁכִינָה? אַז אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז דָא אוּן עֶר נֶעמְט אִים אַרוּם, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער תַּעֲנוּג, דָאס אִיז וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט: (וַיִּקְרָא כו י"ב): 'וְהִתְהַלַּכְתִּי בְּתוֹכְכֶם' אוּן רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיף דֶעם (תּוֹרַת כֹּהֲנִים פֶּרֶק ג, ג): 'עָתִיד אֲנִי לְטַייל

עִמָּכֶם בְּגַן עֵדֶן' דֶער בַּאשֶׁעפֶּער וֶועט מִיט אוּנְז שְׁפַּאצִירְן אִין גַּן עֵדֶן, דָאס הֵייסְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרוֹיס אוֹיף 'הִתְבּוֹדְדוּת' אִין פֶּעלְד, אוֹיף אַ רוּאִיגֶע שְׁטִילֶע פְּלַאץ, וואו קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וואו עֶר אִיז, אוּן עֶר רֶעדְט מִיטְן בַּאשֶׁעפֶּער, שְׁפַּאצִירְט עֶר מִיטְן בַּאשֶׁעפֶּער. בִּיז עֶר שְׁפִּירְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט, נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער, וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע דַרְגָה, אוּן דָאס אִיז זַיין גְאוּלָה. אָבֶּער אַז מֶען אִיז חָלִילָה וְחַס פּוֹגֵם מִיט 'פְּגַם הַבְּרִית' אִיז דָאס מְבַלְבֵּל דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דַאוֶועְנֶען.

ה.

מֶען פַּארְצֵיילְט נָאךְ אַז דֶער 'אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל' פוּן וִויזְנִיץ זי"ע אִיז אַמָאל גֶעוֶוען מִיט זַיין גַּבַּאי אִין אַ דָארְף, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין מִנְיָן צוּ מִנְחָה, אוּן דֶער אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל מִיטְן גַּבַּאי'ן הָאבְּן מַשְׁלִים גֶעוֶוען צוּם מִנְיָן, בַּיים סוֹף זֶעהְט עֶר, וִוי אַלֶע זָאגְן קַדִּישׁ פְרֶעגְט עֶר זֵיי: וָואס אִיז דָאס? זָאגְן זֵיי: דָא אִיז גֶעוֶוענְטְלִיךְ נִישְׁטָא קַיין מִנְיָן, נָאר לֶעצְטֶענְס אִיז דָא אַסַאךְ אֲבֵילִים נָאךְ זֵייעֶר עֶלְטֶערְן, קוּמֶען זֵיי אִין שׁוּל

breslevcity.co.il

זָאגְן קַדִּישׁ, אוּן פְּרוּבִּירְן עֶס זָאל זַיין מִנְיָן. זָאגְט עֶר: יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ, וָואס חַזַ"ל זָאגְן: רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט (בְּרָכוֹת ח.): 'אִיכָּא סַבָּא בְּבָבֶל'? עֶס אִיז דָא אַלְטֶע אִידְן אִין בָּבֶל. מְמֵילָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט מֶען אֲרִיכוּת יָמִים, וַוייל דֶער פָּסוּק זָאגְט: לְמַעַן יִרְבּוּ יְמֵיכֶם וְכוּ' עַל הָאֲדָמָה. אָבֶּער וִוי אַזוֹי לֶעבְּט מֶען לַאנְג אִין בָּבֶל? זָאגְט דִי גְמָרָא: וַוייל זֵיי קוּמֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ צוּפְרִי אוּן בַּיינַאכְט. הָאט עֶר אוֹיסְגֶעפִירְט: 'אָבֶּער דָא קוּמְט מֶען נִישְׁט דַאוָוענֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ הָאט מֶען נִישְׁט קַיין אֲרִיכוּת יָמִים, מוּזְן דִי קִינְדֶער קוּמֶען זָאגְן קַדִּישׁ אַז עֶס זָאל כָאטְשׁ זַיין מִנְיָן.

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (יַלְקוּט בָּלָק, רֶמֶז תשע"א): 'מַה נְחָלִים הַלָּלוּ בְּנֵי אָדָם יוֹרְדִין לְתוֹכָן כְּשֶׁהֵן טְמֵאִין, וְטוֹבְלִין וְעוֹלִין טְהוֹרִין, כַּךְ בָּתֵּי כְּנֵסִיּוֹת וּבָתֵּי מִדְרָשׁוֹת, בְּנֵי אָדָם נִכְנָסִין לְתוֹכָן כְּשֶׁהֵם מְלֵאִים עֲוֹנוֹת, וְיוֹצְאִין מְלֵאִים מִצְווֹת'. אַז אֵיינֶער אִיז טָמֵא אוּן גֵייט אַרַיין אִין טַייךְ, קוּמְט עֶר אַרוֹיס טָהוֹר, וְוייבַּאלְד עֶר הָאט זִיךְ גֶע'טוֹבֶלְ'ט, דָאס זֶעלְבֶּע אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אַ מֶענְטְשׁ

breslevcity.co.il

גֵייט אַרַיין פִּיל מִיט עֲבֵירוֹת, אוּן גֵייט אַרוֹיס פִּיל מִיט מִצְוֹת. נָאר מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַזוֹי מְזַלְזֵל אִין דֶעם, וַוייל מֶען וֵוייסְט נִישְׁט דֶעם חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אָמֵן, אָדֶער אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא, קְדוּשָּׁה, בָּרְכוּ, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן אַז דִי נְקוּדוֹת, וָואס עֶר מֵיינְט אַז דָאס אִיז גָארְנִישְׁט אִיז אִין הִימְל מוֹרָא׳דִיג חָשׁוּב, וָואלְט עֶר נִישְׁט מְזַלְזֵל גֶעוֶוען אִין דֶעם.

עֶס שְׁטֵייט (זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, וַיֵּצֵא קס״א ע״א, עֵקֶב רע״א ע״א, וַיֵּלֶךְ רפ״ה ע״א): דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אָמֵן, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אַ בְּרָכָה זָאל אֵיינֶער עֶנְטְפֶערְן אָמֵן, וַוייל דָאס אִיז דֶער חוֹתָם אוֹיף דִי בְּרָכָה. נָאר דֶער זִילְזוּל קוּמְט וַוייל אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ נֶעבֶּעךְ פַאר גָארְנִישְׁט! וָואס כָאטְשׁ צוּ זַיין בֶּאֱמֶת גָארְנִישְׁט, אִיז אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה, אָבֶּער דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם דְרֵייט אִיבֶּער יֶעדֶער גוּטֶע מִדָּה אוּן צוּבְּרֶעכְט דֶערְמִיט דֶעם מֶענְטְשׁ, וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אוּן אִים זָאגְן, לָאמִיר זָאגְן עֶס אִיז אֱמֶת אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, אִיךְ בִּין אַ זִירָ״א, אָבֶּער דֶער צַדִּיק לֵייגְט צוּ אַ אֵיינְזֶער וֶוערְט דָאס צֶען, יֶעצְט קוּמְט שׁוֹין אוֹיס פּוּנְקְט

breslevcity.co.il

פַארְקֶערְט, וְויפִּיל מֶער גָארְנִישְׁט אִיךְ בִּין, אוּן אִיךְ הָאבּ מֶער זִירָא״ס, אוּן דֶער צַדִיק לֵייגְט צוּ אַ אֵיינְזֶער בִּין אִיךְ אַ גְרֶעסֶערֶע מִלְיוֹנֶער. אוּן וָואס אִיז דֶער אֵיינְס וָואס דֶער צַדִיק לֵייגְט צוּ? דֶער אֶחָד, אַחְדוּת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, דֶער אַלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן לד): יֶעדֶער אִיד הָאט אַ נְקוּדָה וָואס דֶער צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט. אוּן דֶער צַדִיק הֵייבְּט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט זַיין נְקוּדָה, אוּן עֶר ווַייזְט אִים וָואס עֶר פַארְמָאגְט, דָאס עֶר גֵייט מִיט צִיצִית, מִיט אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, עֶר הָאט אַ מְזוּזָה, תְּפִילִין, שַׁבָּת, כַּשְׁרוּת, מְמֵילָא דַארְף מֶען נִישְׁט קוּקֶען אוֹיף יֶענֶעם, אוּן מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן, וָואס דוּ קֶענְסְט אִים סֵיי וְוי נִישְׁט נָאכְמַאכְן, אוּן דוּ דַארְפְסְט אִים נִישְׁט נָאכְמַאכְן, וַוייל דוּ בִּיזְט גְרֶעסֶער פוּן אִים. אַזוֹי וְוי דִי גְמָרָא פַארְצֵיילְט (תַּעֲנִית כא:): אַבָּא אוּמְנָא אִיז גֶעוֶוען אַ דָאקְטֶער, אוּן אִיז גֶעוֶוען גְרֶעסֶער פוּן אַבַּיֵי אוּן רָבָא, אוּן עֶר הָאט יֶעדְן טָאג גֶעהֶערְט אַ כְּרוּז פוּן הִימְל, וָואס גְרִיסְט אִים שָׁלוֹם, הָאבְּן זֵיי בֵּיידֶע גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת, אַבַּיֵי

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית

וַוייל עֶר הָאט נָאר גֶעהֶערְט יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת, רָבָא וַוייל עֶר הָאט נָאר גֶעהֶערְט, עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר. הָאט מֶען גֶעזָאגְט פַאר אַבַּיֵי: ׳לֹא מָצִית לְמֶעְבַּד כְּעוּבְדָא דְאַבָּא אוּמְנָא׳, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טוּהְן וָואס אַבָּא אוּמְנָא טוּהט. קוּמְט אוֹיס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף נָאר וִויסְן, וָואס זַיין נְקוּדָה אִיז, אַז עֶר הָאט פַארְמֶעגְנְס אוּנְטֶער זִיךְ.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַמְקוּבָּלִים בְּשֵׁם הַזֹּהַר, וְעַיֵּין בְּתִיקּוּנֵי זוֹהַר תִּקּוּן יח, ל״ג ע״א. וְהַקְדָּמַת עֵץ חַיִּים, וְעַשֵׂה טוֹב אוֹת ד׳): אַז דִי וָוארְט צַדִיק אִיז מְרַמֵז, צ׳ אֲמֵנִים, ד׳ קְדוּשׁוֹת, י׳ קְדִישִׁים, ק׳ בְּרָכוֹת. אוּן דָאס אִיז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, צג ע״א) אַז יֶעדֶער אִיד אִיז אַ צַדִיק. מִיט וָואס אִיז עֶר אַ צַדִיק? אַז עֶר זָאגְט נַיינְצִיג אָמֵן׳ס אַ טָאג, אוּן הוּנְדֶערְט בְּרָכוֹת, פִיר קְדוּשׁוֹת, צֶען קַדִישׁ׳ס, דָאס אִיז דִי נְקוּדַת הַצַדִיק וָואס אִיז דָא אִין יֶעדְן אִיד. נָאר דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם צוּבְּרֶעכְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז עֶר אִיז זִיךְ מְיַיאֵשׁ, אוּן קוּמְט נִישְׁט אַרַיין אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ דַאוֶוענֶען.

דָאס זֶעלְבֶּע אוֹיךְ מִיט לִימוּד הַתּוֹרָה צוּבְּרֶעכְט עֶר אִים, וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען אַפָּאר

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית

פְּסוּקִים חוּמָשׁ? ! אוּן דוּ וֶועסְט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעפַּסְקֶ'נְט (שֻׁלְחָן עָרוּךְ סִימָן רפ"ה סְעִיף ג): 'מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילֵךְ נִקְרָא עִם הַצִּיבּוּר'. אוּן וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין, אַז דוּ וֶועסְט זָאגְן אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת? ! אוּן אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט, אַז דִי מִשְׁנַיוֹת וֶועט אִים רַאטֶעוֶוען, דָאס זֶעלְבֶּע אַבִּיסְל גְמָרָא, אוּן נָאךְ אַבִּיסֶעלֶע, בִּיז מֶען קוּמְט אָן בַּיים סוֹף, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אֵיין הֲלָכָה, אוּן נָאךְ הֲלָכָה, דָאס אִיז דֶער כֹּחַ פוּן דֶעם צַדִּיק, אַז אֲפִילוּ אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, לֵייגְט עֶר מִיר אַרַיין אֵיין אֵיינְס, וָואס דָאס אִיז דֶער אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מְמֵילָא בִּין אִיךְ שׁוֹין אַ בִּילְיָאנֶער.

## ו.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער גַאנְצֶער כֹּחַ פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס חַזַ"ל זָאגְן (קֹהֶלֶת רַבָּה, פַּרְשָׁה ד, סִימָן יד): אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת ב, ב'): 'וַתֵּרֶא אוֹתוֹ כִּי טוֹב' עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן נָאר מִיט גוּט. דָאס הֵייסְט ווָאוּ עֶר הָאט גֶעקוּקְט הָאט עֶר נָאר גֶעטְרָאפְן דֶעם 'גוּטְס' בַּיי יֶעדְן אִיד; זֶה לְעוּמַת זֶה אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בִּלְעָם וָואס הָאט

רַחֲמָנָא לִצְלָן - גֶעשָׁאלְטְן יֶעדֶע זַאךְ, אוּן נָאר גֶעזוּכְט צוּ צוּבְּרֶעכְן אַ צְוֵוייטְן, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער חוּרְבָּן פַאר אַ מֶענְטְשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת קְלָלָה חֵלֶק ב, סִימָן א׳): ׳**אָדָם הָרָגִיל בִּקְלָלוֹת, הוּא מֵעוֹלָם הַתֹּהוּ**׳ אֵיינֶער וָואס אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ שֶׁעלְטְן, קוּמְט פוּן עוֹלָם הַתּוֹהוּ, ׳**וְכֵן לְהֶפֵךְ הָרָגִיל בִּבְרָכָה הוּא מֵעוֹלָם הַתִּקּוּן**׳, פַארְקֶערְט אוֹיבּ אֵיינֶער וָואס אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ בֶּענְטְשְׁן קוּמְט פוּן עוֹלָם הַתִּיקוּן. וָואס הֵייסְט תּוֹהוּ? פּוּסְט אוּן לֵיידִיג. (עַיֵּין רַשִׁ״י בְּרֵאשִׁית א ב): וָואס הֵייסְט שֶׁעלְטְן? אַז דוּ בִּיזְט גָארְנִישְׁט וֶוערְד, וֶועגְן דֶעם קוּמְט עֶר פוּן עוֹלָם הַתּוֹהוּ, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶועזְן בִּלְעָם, עֶר הָאט גֶעוָואלְט וַוייזְן, אַז מֶען אִיז גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט. אוּן משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נָאר גֶעבֶּענְטְשְׁט אוּן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן יֶעדְן אִיד, וָואס דָאס לֶערֶענְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, אוּן פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט.

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית

מֶען פַארְצֵיילְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זַצַ"ל וָואס עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם דֶרֶךְ הַמוּסָר, וָואס דָאס אִיז תִּיקוּן הַמִידוֹת, אִין דֶער וֶועלְט. וָואס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט דֶערְצוּ? נָאר עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין אַ שְׁטָאט אַסַאךְ שׁוּסְטֶערְס, וָואס זֵיי זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶוען אָרִימֶעלַייט. אוּן אוּנְז וֵוייס מִיר דָאךְ דֶעם כְּלַל: כָּל אוּמָן שׂוֹנֵא בְּנֵי אוּמְנָתוֹ (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, בְּרֵאשִׁית סִימָן ח') וַיְהִי הַיוֹם, אוּן אֵיינֶער פוּן דִי שׁוּסְטֶערְס, הָאט גֶעקוֹיפְט דֶעם לַאטֶערִ"י, אוּן עֶר הָאט דָאס גֶעוואוּנֶען, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ רִיזִיגֶען פַארְמֶעגְן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ ווִיבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער גְבִיר, הָאט עֶר שׁוֹין בַּאקוּמֶען אַ אַנְדֶערֶע פָּנִים אוּן אַ אַנְדֶער מַזָל, אוּן אַלֶע הָאבְּן פַארְגֶעסְן אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אַ טָאכְטֶער, הָאט עֶר זִיךְ מְשַׁדֵךְ גֶעוֶוען, מִיט אַ גְרוֹיסְן מְפוּרְסָם'דִיגְן רָב, אִיז אָבֶער גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן דִי שׁוּסְטֶערְס, וָואס הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרִיבֶּערְטְרָאגְן, אוּן דִי קִנְאָה הָאט אִים זֵייעֶר גֶעבְּרֶענְט, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן, אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִי חוּפָּה, אוּן אוּנְטֶער דִי חוּפָּה רוּפְט עֶר זִיךְ אָן אַנְטְקֶעגְן יֶעדְן: ר'

breslevcity.co.il

מֹשֶׁה ! דָא הָאסְטוּ אַפָּאר שִׁיךְ, פַארְרֶעכְט מִיר דִי שִׁיךְ ! דֶער מְחוּתָּן, דֶער גְבִיר, הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרִיבֶּערְטְרָאגְן דֶעם בִּזָיוֹן, אוּן עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַ הַארְץ אַטַאק אוּן גֶעשְׁטָארְבְּן. הָאט רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער גֶעזָאגְט : דָא טוֹיג נִישְׁט צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס, אַז מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ בִּזָיוֹן, דַארְף מֶען דָאס נִישְׁט נֶעמֶען אַזוֹי שְׁטַארְק צוּם הַארְץ, בִּיז אַ הַארְץ אַטַאק, [פַארְקֶערְט אַז מֶען אִיז מְבַזֶּה אַ מֶענְטְשׁ, אִיז דָאס אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ, עֶר קוּמְט אָפּ מִיט דֶעם אַלֶע עֲבֵירוֹת, (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו) : וַוייל אֵיין בִּזָיוֹן אִיז מֶער פוּן טוֹיזֶענְט תַּעֲנִיתִים.] אוּן צְוֵוייטְנְס, וִוי קוּמְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ אַזַא שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן קִנְאָה, אַז עֶס זָאל אִים בְּרֶענְגֶען צוּ גֵיין מְבַזֶּה זַיין יֶענֶעם בָּרַבִּים אַזוֹי שְׁטַארְק, דֶעמָאלְט הָאט עֶר מַחְלִיט גֶעוֶוען, מֶען זָאל זִיךְ נֶעמֶען לֶערְנֶען מוּסָר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, אַז מֶען זָאל אָנְנֶעמֶען דֶעם לִימוּד פוּן רֶבִּי'ן, וָואס אַזוֹי אַרוּם וֶועלְן מִיר זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן. אוּן עֶס זָאל שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְּצָרִים לִימֵי

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית

שִׂמְחָה, אוּן מֶען זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה.

**תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם**

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

## כ"ק מרן רבינו אליעזר שלמה בן מלכה שליט"א

## לרפואה שלימה לכל רמ"ח אבריו ולכל שס"ה גידיו ולכל טיפי דמיו.

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**אברהם צבי בן פיגא נ"י**
**וזוגתו**
**לאה שעניא בת העניא רחל תחי'**

**וילדיהם**

**רייזל, חיה.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל אליון בבני
חיי ומזוני רוויחא, אמן כן יהי רצון.

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית